# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

354 | פרשת לך לך | תשפ"א

## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### דער שליסל פון קינדער געפונט אין די טויערן פון תפילה

**"וַיּוֹצֵא אֹתוֹ הַחוּצָה וַיֹּאמֶר הַבֶּט נָא הַשָּׁמַיְמָה וּסְפֹר הַכּוֹכָבִים אִם תּוּכַל לִסְפֹּר אֹתָם וַיֹּאמֶר לוֹ כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ"** (טו ה)

"צא מאצטגנינות שלך, שראית במזלות שאינך עתיד להעמיד בן" (רש"י, ע"פ ב"ר מד יב).

דער מקובל **רבי יוסף ג'יקטיליה** טייטש:

הקב"ה האט געזאגט פאר אברהם: "כה יהיה זרעך", גערעכט, אז עפ"י די טבע קענסטו נישט אויפשטעלן דורות, "אבער דורך די כח פון די מדה וואס ווערט אנגערופן 'כ"ה', וואס דאס איז די שער התפילה, דארט קען יעדער וואס דאוונט ענדערן די כח פון די מזלות, און איבערדרייען די מידת הדין אויף רחמים און אנשטאט טויט ברענגען לעבן, א רפואה אנשטאט קראנקייט, אנשטאט קינדערלאז געהאלפן ווערן מיט קינדער". אויך דער סוד פון ברכת כהנים ליגט באהאלטן אין די מידה 'כה', אזוי ווי עס שטייט (במדבר ו כג): "דבר אל אהרן ואל בניו לאמר **כה** תברכו את בני ישראל".

'שערי אורה' שער א

### 'אדון כל המעשים'

**"וַיֹּאמַר ה' אֱלֹקִים בַּמָּה אֵדַע כִּי אִירָשֶׁנָּה"** (טו ח)

אויף דעם פסוק זאגן די חכמים (ברכות ז ב): "פון דער טאג וואס הקב"ה האט באשאפן דער וועלט איז נישט געווען א מענטש זאל אנרופן הקב"ה 'אדון', ביז אברהם האט אים אנגערופן 'אדון'".

ערקלערט דער **'נודע ביהודה'**:

אין די פריערדיגע דורות האבן די מענטשן געלעבט מיט א איינרעדעניש אז עס איז נישט קיין כבוד פארן באשעפער ער זאל זיך אליין אפגעבן מיט די עולם השפל, וועגן דעם האבן זיי געהאלטן אז נאר די עולמות העליונים פירט ער אליין, אבער די הנהגה פון דעם עולם השפל האט ער איבערגעגעבן פאר זיינע באדינער - צ.ב.ש. די כוחות אין הימל און די מזלות (זעה 'דרשות הר"ן' הדרוש התשיעי). אברהם איז געווען דער ערשטער וואס האט אויסגעריסן די טעות פון זייער הארץ, מיט דעם וואס ער האט אנגערופן הקב"ה 'אדון העולם', און מיט דעם האט ער אויסגעלערנט זיין דור אז אויך דער וועלט איז הקב"ה אליין'ס דער מנהיג, און איז שטענדיג אליין'ס משגיח אויף אלעס.

כדי דער יסוד וואס מיר האבן גע'ירש'נט פון אברהם אבינו זאל איינגעווארצלט ווערן אין אונזער הארץ, האבן די חכמים קובע געווען ביי די ברכה 'אלוקי נשמה' דעם לויב: "ריבון ['אדון' אויף אראמיש, אונקלוס בראשית יח ב] כל המעשים, אדון כל הנשמות", כדי דורך דעם וועלן מיר אריינעמען אין אונז וואס אברהם אבינו האט אויסגעלערנט פאר זיין דור אז די זעלבע מאס וואס השי"ת איז 'אדון' אין עולם הנשמות, אזוי איז ער אויך "ריבון כל המעשים" אויף אלעס וואס עס ווערט געטון אויף דער וועלט.

צל"ח ברכות ז ב

### אברהם האט איינגעווארצלט די כח פון אמן אין אלע דורות

**"וַיּוֹצֵא אֹתוֹ הַחוּצָה וַיֹּאמֶר הַבֶּט נָא הַשָּׁמַיְמָה וּסְפֹר הַכּוֹכָבִים אִם תּוּכַל לִסְפֹּר אֹתָם וַיֹּאמֶר לוֹ כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ; וְהֶאֱמִן בַּה' וַיַּחְשְׁבֶהָ לּוֹ צְדָקָה"** (טו ה- ו)

מ'דארף פארשטיין: פארוואס דווקא די אמונה ווערט גערעכנט פאר אברהם אויף א צדקה? און בכלל, עס איז דען דא א מעגליכקייט צו טראכטן אז אברהם וועט נישט גלייבן די צוזאג וואס איז ארויסגעקומען פון השי"ת'ס מויל?

ערקלערט **רבי אברהם יוסף קרייזווירטה הי"ד** דער וואניטשטער רב:

די ווערטער פון ה': "כה יהיה זרעך" איז נישט געזאגט געווארן ווי א הבטחה, נאר ווי ברכה. אברהם האט געענטפערט אמן אויף די ברכה, און דאס ווערט אים גערעכנט ווי א צדקה, ווייל מיט דעם האט ער פארזיכערט אז די קומענדיגע דורות זאלן ענטפערן אמן אויף די ברכות. אזוי ווי עס איז מרומז אין דער לשון 'והאמין' [א לשון 'הפעיל'], ד.מ. ער האט צוגעברענגט אז אלע נאך אים זאלן אויך אכטונג געבן צו ענטפערן אמן. און די זכות פון איינווארצלען די מצוה פון ענטפערן אמן אויף די קומענדיגע דורות, האט הקב"ה גערעכנט פאר א צדקה.

'בית אברהם'

### 'ישמע א-ל' - אן קיין ספק

**"וַיֹּאמֶר לָהּ מַלְאַךְ ה' הִנָּךְ הָרָה וְיֹלַדְתְּ בֵּן וְקָרָאת שְׁמוֹ יִשְׁמָעֵאל כִּי שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ"** (טז יא)

די ווערטער: "שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ" טייטש אונקלוס: "קביל ה' צלותיך". און מ'דארף פארשטיין: אויב האט הגר א נאמען געגעבן 'ישמעאל' אויף דעם וואס איר תפילה איז אנגענומען געווארן, וואלט זי אים געדארפט רופן: 'שָׁמַע-אל', און נישט: 'ישמעאל' - מיט א לשון עתיד? נאך דארף מען פארשטיין: ווי טרעפן מיר אז הגר האט געדאוונט?

ענטפערט **רבי אברהם מונסוניגו**:

די תפילה פון הגר איז נישט ארויסגעשריבן אין פסוק ווייל זי האט עס נישט ארויסגעזאגט מיט איר מויל, נאר אין הארץ האט זי עס געבעטן. און ווייל איר תפילה איז אנגענומען געווארן האט דער מלאך איר געזאגט: דו קענסט רופן די נאמען פון זיין זון 'ישמעאל', ווייל דו ביזסט פארזיכערט אז השי"ת וועט שטענדיג צוהערן דיין תפילה. ווייל דאס איז דאך א קל וחומר: אויב האט ער צוגעהערט צו די תפילה פון דיין הארץ, וועט ער זיכער צוהערן ווען דו וועסט ארויסזאגן די ווערטער מיט דיין מויל.

'שיורי מצוה'

### א תפילה פון א גוי ווערט אנגענומען זייענדיג אין א צרה

**"וַיֹּאמֶר לָהּ מַלְאַךְ ה' הִנָּךְ הָרָה וְיֹלַדְתְּ בֵּן וְקָרָאת שְׁמוֹ יִשְׁמָעֵאל כִּי שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ"** (טז יא)

פארוואס שטייט: "כִּי שָׁמַע ה' אֶל עָנְיֵךְ" און נישט "כי **ראה ה' את** עניך"?

ערקלערט דער **נצי"ב פון וואלאזשין**:

א תפילה פון א איד ווערט אנגענומען, אויך ווען ער דאוונט אויף א צווייטן, אין די צייט וואס ער אליין געפונט זיך נישט אין צער. אבער די תפילות פון די פעלקער ווערן נישט אנגענומען נאר ווען זיי דאווענען אויף זייער פריוואטע צרה. און דאס האט דער מלאך ה' געזאגט פאר הגר: "כִּי שָׁמַע ה'" - צו דיין תפילה, נאר ווייל ער האט געקוקט "אֶל עָנְיֵךְ".

'העמק דבר'

### זען די שכינה אין זכות פון ברית מילה

**"וְאֶתְּנָה בְרִיתִי בֵּינִי וּבֵינֶךָ וְאַרְבֶּה אוֹתְךָ בִּמְאֹד מְאֹד"** (יז ב)

רש"י ערקלערט אז דא האט הקב"ה מבשר געווען פאר אברהם אז אין זכות פון מצות מילה וועט ער ירש'ענען ארץ ישראל. לויט דעם ערקלערט **רבי יששכר דוב קנעפלער** רב ביהכ"נ 'סיני' אין לאנדאן דעם נוסח 'הרחמן' וואס מיר זאגן ביי א סעודת ברית מילה: "הרחמן הוא יברך הרך הנימול לשמונה... ויזכה לראות פני השכינה שלש פעמים בשנה"; אויב אין זכות פון די מצוה פון מילה האבן די אידן זוכה געווען ירש'ענען דאס לאנד, דעריבער ביי א ברית איז טאקע די פאסיגסטע צייט צו בעטן אז דער רך הנימול זאל זוכה זיין צו א חלק אין די הייליגע לאנד, ווייל נאר אזוי וועט ער זוכה זיין צו זען די שכינה דריי מאל יעדע יאר [אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (פסחים ח ב) אז נאר ווער עס האט א קרקע אין ארץ ישראל איז מחויב עולה רגל זיין].

'נהמת דב'



### 'אַךְ צַדִּיקִים יוֹדוּ לִשְׁמֶךָ' (תְּהִלִּים קמ יד)

רבי יעקב יהושע פראמאן פון לאדזש שרייבט: אין זוהר הקדוש (תיקוני זוה"ח קלב א) שטייט אז די ווארט 'צדקה' איז א רמז אויף די ציפער פון די פיר דברים שבקדושה וואס דער מענטש איז מחויב מיט דעם יעדן טאג: צ' אמנים, ד' קדושות, ק' ברכות, ה' חומשי תורה.

די תורה האט דאס מרמז געווען אין אונזער פרשה: "וְהֶאֱמִן בַּה'" - אברהם אבינו האט מקפיד געווען אויף די צ' אמנים, "וַיַּחְשְׁבֶהָ לּוֹ צְדָקָה" - און דורך דעם האט ער משלים געווען די חיובים וואס זענען מרומז אין די ווארט 'צדקה'.

'נחלת יעקב יהושע' פר' שמות

### טייערע אידן!

אכטונג געבן אויף השכמת בית המדרש יעדן אינדערפריה צו קענען זאגן ברכות השחר מיט א חברותא, איז דער שליסל וואס דורך דעם וועלן ענק זוכה מקיים זיין די תקנה פון די חכמים - ענטפערן צ' אמנים יעדן טאג (זעה משנה ברורה ו יג), זייט אייך מצטרף צו די צענדליגער 'בני אמונים' וואס האבן זוכה געווען אריינשיינען די ליכטיגקייט פון אמונה אין זייערע הערצער!

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## ברכות השחר (א)

### מאה ברכות אקעגן די מגיפות

אין מסכת מנחות ווערט געברענגט: "תניא היה רבי מאיר אומר: חייב אדם לברך מאה ברכות בכל יום, שנאמר (דברים י יב): 'ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך'" (מנחות מג ב). ערקלערט רש"י (שם ד"ה מה): עס שטייט טאקע אין פסוק 'מה', אבער מ'דארף עס ליינען 'מאה', ד.מ.: 'מאה' ברכות 'ה' אלקיך שואל מעמך'.

נאך טרעפן מיר אז דער פסוק רופט אן דוד (שְׁמוּאֵל ב' כג א): "נְאֻם דָּוִד בֶּן יִשַׁי וּנְאֻם הַגֶּבֶר הֻקַם עָל", און די חכמים דרש'ענען (במ"ר יח כא): 'על' איז בגימטריה מאה, און וואס איז די כוונה פון "הוקם על"? ווייל אין די צייטן פון דוד המלך זענען הונדערט מענטשן געשטארבן יעדן טאג אין א מגיפה, און דוד המלך האט ברוח קדשו מתקן געווען א תקנה מ'זאל זאגן מאה ברכות יעדן טאג, און אין זכות פון די תקנה האט זיך אפגעשטעלט די מגיפה.

כדי אנקומען צו די ציפער פון מאה ברכות יעדן טאג, האבן די סנהדרין אין יענעם דור מתקן געווען מ'זאל זאגן יעדן טאג די ברכות השחר וואס אין זיי לויבן מיר אויף די אלע גוט'ס וואס הקב"ה טוט מיט אונז יעדן טאג עקסטער, די ברכות זענען צוגעלייגט געווארן צו די אנדערע ברכות וואס מיר זענען מחויב זיי צו זאגן, און דורך זיי זענען מיר זוכה משלים זיין די מאה ברכות יעדן טאג אזוי ווי די תקנה פון דוד (פרישה או"ח מו טז).

נאך ערקלערט דער ב"ח (שם) אז יעדן טאג ווערט באנייט אויף אונז א סכנה פון א מגפה, און דורך מקפיד זיין אויף די תקנה פון מאה ברכות האלטן מיר עס צוריק.

### יעדע ברכה אין איר צייט

אין גמרא (ברכות ס ב) איז ערקלערט אז אין אנהויב איז געווען די תקנה צו זאגן יעדע ברכה פון די ברכות השחר איז דער צייט וואס מ'האט הנאה פון די גוט'ס אויף וואס מיר זאגן די ברכה, צ.ב.ש.: די ברכה "אשר נתן לשכוי" אין דער צייט וואס מ'הערט די קול פון דער האן, די ברכה "פוקח עורים" ווען מ'עפענט די אויגן און די ברכה "מלביש ערומים" ווען מ'טוט אן די קליידער. אבער אין אונזערע צייטן ווען מיר שטייען אויף פון די נאכט-שלאף זענען אונזערע הענט נישט ריין, פירן מיר זיך צו זאגן די אלע ברכות אויף איינמאל פארן דאווענען (שולחן ערוך' או"ח מו ב).

### די ברכה 'הנותן לשכוי בינה'

אין די ערשטע ברכה פון די 'ברכות השחר' דאנקען מיר אויף די גאר וואונדערליכע באשעפעניש, די 'בינה' וואס איז די יסוד היסודות אויף אלע טובות און הנאות אויף דער וועלט.

דער יסוד פון די ברכה 'הנותן לשכוי' טרעפן מיר אין די ווערטער וואס איוב האט משבח געווען הקב"ה (לח לו): "מִי שָׁת בַּטֻּחוֹת חָכְמָה אוֹ מִי נָתַן לַשֶּׂכְוִי בִינָה". רש"י דארט ערקלערט אזוי (שם): ""לשכוי" - דאס איז א האן אין די שפראך פון די חכמים. און עס זענען דא וואס זאגן אז דאס איז דער הארץ וואס קוקט און זעט און רעכנט אויס די קומענדיגע געשעהענישן". און לויט דעם קריגן זיך ארום די ראשונים אין די טייטש פון אונזער ברכה:

עס זענען דא וואס האלטן אז אין די ברכה לויבן מיר אויף די גוט'ס וואס השי"ת האט מיט אונז געטון מיטן אריינגעבן אין די האן וואס ווערט אנגערופן 'שכוי' (זעה ר"ה כו א) דער כח צו קענען אונטערשיידן די צייט וואס די נאכט ענדיגט זיך און דער טאג הייבט זיך אן, און דורך זיין קרייען אין יענע צייט קענען מיר וויסן ווען איז דער עלות השחר. (אבודרהם סדר ברכות השחר; רבינו מנוח תפלה ד ד). לויט די שיטה, ווער עס האט נישט געהערט דעם האן קרייען זאגט נישט די ברכה ('פרי חדש' או"ח מו א).

אין לויף פון אונזער לעבן פראדוצירן מיר אסאך גוטע זאכן פון פילע באשעפענישן וואס זענען באשאפן אין אונזער וועלט, די סיבה אז פונקט אויף די קרייען פון האן האט מען מתקן געווען א ספעציעלע ברכה, ווייל די קרייען פון דער האן לערנט אונז א וויכטיגער יסוד: יעדע מצוה וואס איז אנגעהאנגען אין א 'צייט' דארפן מיר מקפיד זיין עס מקיים זיין לויט די צייט און די פלאץ וואו מיר געפונען זיך דעמאלטס, פונקט אזוי ווי דער האן וואס קרייט ביי די עלות השחר, יעדע מאל לויט די פלאץ און די צייט וואו ער געפונט זיך (סידור 'באר חיים' עמ' ל).

### לויבן אויף די פארשטאנד

דאקעגן, עס זענען דא וואס האלטן אז אין די ווארט 'שכוי' באציעהן מיר זיך איבער די הארץ פון א מענטש, און מיר לויבן אויף דעם וואס דער מענטש קען דורך זיין פארשטאנד אונטערשיידן צווישן טאג און נאכט. אבער, מ'האט מתקן געווען זאגן די ברכה ווען מ'הערט דעם האן צוליב צוויי סיבות: א. ווייל ער האט אויך פארשטאנד צו קענען אונטערשיידן צווישן טאג און נאכט, ב. עס זענען דא פלעצער וואס א האן ווערט אנגערופן 'שכוי' אזוי ווי דער הארץ ווערט אנגערופן. לויט די שיטה, אויך ווער עס האט נישט געהערט דעם האן קרייען קען זאגן די ברכה (רא"ש ברכות ט כג).

לכאורה וואלט פאסיג געווען אז דער לויב אויף די גרעסטע מתנה וואס מיר האבן באקומען, אויף די פארשטאנד וואס דער אויבישטער האט אונז געשאנקען, זאל זיין איבער איינע פון די סאך איינצעלהייטן וואס ברענגען ארויס איר וויכטיגקייט. די מעגליכקייט פון אונטערשיידן צווישן ליכטיגקייט און צווישן טונקלקייט, איז דאך אזוי איינפאך, אז אויך אזא נידריגע באשעפעניש ווי א האן קען אונטערשיידן. אויב אזוי, פארוואס האבן די חכמים אויסגעוועלט צו פארצייכענען דער פרט אין די ברכה?

דער 'אלטער פון סלאבאדקא' האט געזאגט אז די ענטפער אויף דעם ליגט באהאלטן אין דער נוסח פון 'ברכת הגשמים' וואס ווערט אראפגעברענגט אין גמרא אין ברכות (נט ב): "מודים אנחנו לך על כל טיפה וטיפה שהורדת לנו", [טייטש: מיר לויבן דיר אויף יעדע טראפ און טראפ וואס דו האסט אונז געגעבן], ריכטיג טאקע אז די שכל איז די שטערקסטע באשעפעניש אין די בריאה, ווייל דאס איז באשאפן געווארן מיט א דערהויבענע חכמה וואס מ'קען עס אינגאנצן נישט שילדערן, אבער ווען מיר קומען לויבן, דארפן מיר געדענקען אז 'שכל' איז צוזאם געשטעלט פון אן א צאל 'טראפן' פון פארשטאנד וואס אויף יעדע איינס פון זיי דארפן מיר עקסטער לויבן, פונקט אזוי ווי ביי די רעגן דארפן מיר לויבן אויף יעדע טראפ און טראפ. דעריבער, האבן חז"ל אויסדערוועלט די פונקט וואס זעט אויס זייער איינפאך און דאס דערמאנען מיר ביי די ברכה ('להודות ולשבח' עמ' קעז).

### אונטערשיידן צווישן טוב און רע

דער בעל 'סדר היום' (סדר ברכת השחר) שרייבט אז אין די ברכה ליגט אויך א לויב אויף דעם וואס הקב"ה האט איבערגעגעבן אין די האנט פון די מענטש דעם כח פון בחירה - קענען אונטערשיידן צווישן דער גוטער וועג וואס איז צוגעגלעכנט צו 'יום' און צווישן דער שלעכטער וועג וואס איז צוגעגלעכנט צו 'לילה'.

אין ספר 'דברי ירמיהו' (תפלה ז ג) לייגט ער צו אז צוליב די סיבה זאגט מען די ברכה 'אשר נתן לשכוי' באלד נאך די ברכה 'אלוקי נשמה' און ברכות התורה, אונז צו לערנען אז נאר דורך די הייליגע נשמה וואס מיר האבן און דורך די תורה וואס לערנט אונז אויס די ריכטיגע וועג, קענען מיר זוכה צו דערקענען צווישן 'יום' - די סימבאל פון א לעכטיגע און א גוטע לעבן, און צווישן 'לילה' - א סימבאל פון לעבן פון רשעים וואס דרייען זיך אין פינסטערניש.

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם [אֲשֶׁר נָתַן] הַנּוֹתֵן לַשֶּׂכְוִי** - פארן האן [און עס זענען דא וואס טייטשן: צו די הארץ וואס ווערט אנגערופן 'שכוי'] **בִּינָה** צו קרייען ווען עס קומט ארויף די מארגן-שטערן, און דורך דעם קענען די מענטשן **לְהַבְחִין בֵּין יוֹם וּבֵין לָיְלָה.**

**אָמֵן** - עס איז אמת אז אויף אונז ליגט לויבן ה' אויף דעם וואס ער האט אריינגעגעבן פארשטאנד אין דער האן [און אין הארץ פון מענטש] אונטערשיידן צווישן טאג און צווישן נאכט.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## דער סוף פון א תפילה וואס איז אנגענומען געווארן

פינחס ק. איז אויפגעוואקסן אלץ א יונג קינד אין ירושלים נאך די צווייטע וועלט'ס קריג, אין די 'אונגארישע הייזער' קווארטל, זייענדיג א בן יחיד פאר זיינע עלטערע עלטערן, דערהויבענע אידן, פון די פארבליבענע אונגארישע אידנטום.

זיינע איבערגעגעבענע עלטערן האבן אלעס געטון צו ערציעהן זייער איינציג זון לתורה וליראת שמים. זיין פאטער וואס איז געווען א תלמיד חכם האט משקיע געווען אסאך שעות פון לערנען צוזאמען מיט אים, אין די צייט וואס זיין מאמע די צדיקת פארגיסט אויף אים טרערן ווי וואסער אין יעדע געלעגנהייט, איבערהויפט ערב שבת בשעת'ן צינדן די שבת ליכט.

פינחס איז געווען א יונג בחור'ל ווען אויפן וועג צום בית המדרש, האבן זיינע אויגן נאכגעלאקערט זיינע נאנטע חברים וואס זענען ליידער נאכגעשלעפט געווארן נאך די פרייע אטמאספער וואס האט געהערשט אין יענע צייטן און האט מיטגעשלעפט אסאך גוטע בחורים צו דעם טיפן אפגרונד. אזוי, אז דער טאלאנטפולער קינד וואס זיין תורה'דיגע צוקונפט איז נאך געווען פאר אים, איז נאכגעשלעפט געווארן נאך זיינע חברים די ליידיג-גייער'ס, פארברענגט נעכט און טעג אין פארשידענע 'געוואגטע' אקטיוויטעטן, אין ראם פון די אמאליגע באקאנטע ארגאניזאציע'ס וואס האבן געקעמפט מיט די אראבער און מיט זייערע בריטישע שותפים.

זיינע עלטערן האבן ליידער פארשפעטיגט ווען זיי האבן באמערקט די טויש וואס זייער טייער און באליבט קינד גייט אריבער. זיי האבן אלעס פרובירט צו טון אים צוריק ברענגען אויפן גראדן וועג, אבער עס איז געווען זייער שפעט. פינחס איז שוין געגאנגען א שטיקל וועג אין זיין נייע וועג, און עס האט נישט געדויערט אסאך ביז ער איז אנגעקומען צו זיין עלטערנ'ס הויז ווען אין זיין מויל איז געווען די שווערסטע בשורה וואס זיי קענען הערן; פינחס האט באשלאסן פארלאזן זיין ווארימע היים אויפן וועג צו א פרייע 'קיבוץ' אין די 'שרון' געגנט.

די שאקירנדע עלטערן האבן פרובירט רעדן צו אים. זיי האבן זיך געבעטן צו אים מיט טרערן ער זאל נישט אנטוישן זייער האפענונג, אבער דער יונגל וואס איז געווען אין די עלטער פון 'ווידערשפעניגן' האט באשלאסן איגנארירן זייער רוף און אנטלויפן צו די אומבאקאנטן צוקונפט.

זיין זיך אויפהאלטן אין קיבוץ איז אים זייער שווער אנגעקומען, ווען ער דערמאנט זיך פון די ווארימע היים וואס ער האט פארלאזט. איבערהויפט שבת ביינאכט, ווען ער האט זיך דערמאנט אין די זמירות פון זיין פאטער און אין די געשמאקע עסן פון זיין מאמע, זענען זיינע אויגן פארפלייצט געווארן מיט טרערן, און ער איז אריין אין זיין צימער, פארזינקען אין זיינע געדאנקען. דאס האט אים צוגעברענגט ער זאל זיך דערווייטערן פון זיינע חברים און דורך דעם זיך פארמיידן פון חילול שבת.

עס האט נישט לאנג גענומען ביז פינחס האט פארלאזט דעם קיבוץ און איז אריבער וואוינען אין איינע פון די דערנעבנדיגע שטעטלעך, ווען ער טוישט אויף די ארבעט אויף אינטענסיווע לערנונגען.

אינצווישן, אין ירושלים, טראץ די שוואכע באציאונג וואס זיינע עלטערן האבן געהאט מיט אים, האבן זיי נישט אויפגעהערט איין מינוט פון זייער השתדלות אים צוריק ברענגען צו זיין ערליכן אפשטאם. זיין מאמע האט זיך אויך אדורכגערעדט מיט הגאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, וואס דערנאך ער האט איר ווארעם אנוואונטשן האט ער איר באפוילן זי זאל איין מינוט נישט אויפהערן פון צו דאווענען אויף אים, ווייל מיר האבן בקבלה פון די פריערדיגע אז תפילות און טרערן קומען נישט צוריק ליידיג.

א שטיקל צייט נאכדעם איז דער חזון איש נפטר געווארן, און די מוטער וואס האט געזען אין זיינע ווערטער ווי א צוואה פאר איר, האט באשלאסן צו פארשטערקערן אירע תפילות. יארן שפעטער, נאך די מלחמה פון 'ששת הימים', האט זי אנגעהויבן גיין אפט צו די כותל המערבי און צו קבר רחל, ווען אין איר הארץ האפט זי אז ביי איר וועט מקויים ווערן דער פסוק: "מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה, כי יש שכר לפעולתך ושבו בנים לגבולם".

אנצווישן איז דער זון עלטער געווארן און איז אויסגעשטיגן א געלונגענער אדוואקאט, האבנדיג א גרויסן אפיס מיט א גוטן נאמען. אין די ברען פון זיין ארבעט, האט ער כמעט פארגעסן פון זיינע אלטע עלטערן. ער האט כמעט אינגאנצן אוועקגעדר◦ט זיין אויער פון די געבעטן ◦אס האבן נישט אויפגעהערט קומען צו אים פון ז◦ער ריכטונג.

אין יענע יארן האט פינחס חתונה געהאט, און עס איז אים געבוירן געווארן צוויי קינדער. פינחס האט ספעציעל ליב געהאט דעם קלענערן פון זיי וואס שוין פון קליינערהייט האט מען געקענט דערקענען אויף אים אז ער איז א גערואטן קינד. פינחס האט זייער געהאפט אז ער וועט איבערנעמען זיין געלונגענע פאסטן און פירן זיין אפיס, און צוליב דעם נאך אלץ קליין קינד האט ער אנגעהויבן לערנען מיט אים די אלע געזעצן.

איין טאג האט דער טעלעפאון פלוצלינג געקלינגען אין די אפיס פון פינחס, ווען ער הייבט אויף, הערט ער די שטימע פון זיין אלטע מוטער וואס זאגט אים מיט טרערן אז זיין פאטער איז זייער קראנק און וויל זייער אים זען איידער ער שטארבט. פינחס האט זיך געקווענקלט צי ער זאל אננעמען די געבעט, נאך אזויפיל יארן פון זיין פרעמד, אבער ענדליך האט ער עס אנגענומען.

פנחס איז אנגעקומען צו די אינטענסיוו-קער אפטיילונג [מחלקת טיפול נמרץ] אין די שפיטאל אין ירושלים צוזאמען מיט זיין זון און טאכטער, וועמען דער זיידע האט זיי יעצט דאס ערשטע מאל געזען. זיין התרגשות איז אנגעקומען צום הויכפונקט, דער זיידע האט מיט ז◦נע ביינערדיגע הענט אנגעכאפט די הענט פון זיין זון און אייניקל, ווי זיי וואלטן קיינמאל נישט געווען דערווייטערט פון אים.

מיט זיינע לעצטע כוחות האט דער זיידע געבענטשט זיין אייניקל, און נאכדעם האט ער אים דערלאנגט א אלטע אפגעריבענע סאמעטענעם בייטל, און אים געזאגט: "די תפילין זענען זייער טייער, זיי זענען געשריבן געווארן דורך דעם באקאנטן סופר, פון די צדיקי ירושלים, רבי נתנאל תפילינסקי, איך וויל זיי דיר שענקען נאך מיין פטירה, און מיט א תנאי אז דו זאגסט מיר צו זיי צו לייגן פון די טאג וואס דו ווערסט בר מצוה".

דער פאטער מיטן זון וואס האבן נישט געקענט זיך אקעגן שטעלן די טרערן פונעם זיידן האבן צוגעזאגט אז זיי וועלן ערפילן זיין געבעט, און דעמאלטס האט זיך דער אלטיטשקער געוואנדן צו זיין איבערגעגעבענע פרוי און איר געזאגט: "דער חזון איש האט צוגעזאגט אז תפילות קומען נישט צוריק ליידיג, דאוון ווייטער...". דאס זענען געווען די לעצטע ווערטער פונעם אלטיטשקן, און ווען ער האט געענדיגט האט ער גענומען א גלאז וואסער, געזאגט 'שהכל', אביסל געטרינקען און נאכדעם האט ער צוגעמאכט זיינע אויגן אויף אייביג.

די 'בר מצוה' פאר זיין זון, האט פנחס געפייערט ארום צוויי חדשים נאך די פטירה פון זיין פאטער אין א פראכטפולע זאל, ווען אין דער הויכפונקט פון דער מעמד האט ער געשאנקען פאר זיין זון די תפילין אין א נייע בייטל, דער יונג בחור'ל איז געווען זייער איבערגענומען פון די ספעציעלע מתנה, און האט געבעטן פון זיין פאטער אז ער וויל זיי אנטון אין די נאנטע טעג אין שול.

די בקשה האט אביסל געשטערט ז◦ן פאטער, וועלכער האט אויף א מינוט נישט אפגעלאזט ז◦ן חלום צו זען ז◦ן טאלאנטפולער זון טוט פארזעצן ז◦ן וועג, און טאקע אזוי, אין א קורצע צייט איז אים קלאר געווארן אז זיין שרעק איז נישט אומזיסט...

אין שול האט זיך זיין זון צוגעטשעפעט צו א יונגערמאן וואס האט דארט געדאוונט, און אים געבעטן ער זאל אים אויסלערנען אנטון די תפילין, נאך א קורצע שמועס מיט אים ווען איז ער איבערראשט געווארן זען אזא קלוג קינד, וואס איז א עם הארץ אין יעדע זאך וואס איז פארבינדן מיט תורה, אירע מנהגים און הלכות, האט ער אים אנגעהויבן לערנען אויפן שפיץ גאפל וויכטיגע אידישע באגריפן, און די ווערטער האבן ווי מיט קייטן געצויגן זיין הארץ.

א קורצע צייט נאכדעם זענען זיינע עלטערן ארויסגעפארן אויף עטליכע טעג אין א אפרוה פלאץ אין חו"ל און זיי האבן אים פארגעשלאגן ער זאל מיטקומען. זייער איבערראשונג איז געווען גרויס ווער ער האט מוותר געווען זיין פלאץ פאר זיין שווערסטער, מיט א אויסרייד אז די קומענדיגע טעג וויל ער זיך שטארק פארטיפן אין זיינע לערנונגען, אין בעפארברייטונג פון די גרונטליכע פארהערן וואס ער דארף אריבערגיין. די עלטערן זענען געפארן אן אים, און אויף דער מינוט האט ער געווארט, ער האט זיך פארבינדן צו יענעם יונגערמאן וואס מיט אים איז ער געווען זייער נאנט און געפרעגט צי ער וועט קענען איינשטיין ביי אים די קומענדיגע שבת, דער יונגערמאן האט עס מיט גרויס פרייד אנגענומען, און דורך דעם האט ער צום ערשטן מאל אין זיין לעבן זוכה געווען צו פילן א טעם אין שבת ווי עס דארף צו זיין. ער האט נישט אויפגעהערט צו כאפן התפעלות פון יעדע נייע זאך וואס ער האט דארט באמערקט, אנגעהויבן פון צינדן די שבת-ליכט, די גערירטע תפילות, די סעודות וואס זענען געווען אינהאלטסרייך מיט רוחניות און אויך גשמיות האט נישט געפעלט.

די ליכטיגקייט פון שבת וואס איז אריבער צו אים ווי א דינע קנויט פון זיין זיידנ'ס הויז, דורך זיין פאטער וואס האט אפגעלאזט די וועג, איז צוריק אויפגעפלאמט געווארן אין הארץ פון דעם אייניקל און איז געווארן ווי א פייער וואס האט באלויכטן די אלע טונקעלע ווינקלעך אין זיין הארץ.

עס איז נישט אדורך אסאך צייט, און דער יונגער בחור'ל איז צוגעגאנגען צו זיין פאטער און דערציילט אז ער האט באשלאסן זיך דערנענטערן צו די תורה'דיגע וועג. עס איז שווער צו שילדערן די שאָק וואס האט אנגעכאפט דעם פאטער, אין אנהויב האט ער אים פרובירט אפרעדן פון די וועג ווען ער שילדערט אים מיט שווארצע קאלירן וואס עס ווארט אים אלץ פרומער איד. אבער דער זון, ווי עס זעט אויס, האט גע'ירש'נט פון זיין פאטער זיין עקשנות, און דער פאטער האט זיך געמוזט בייגן.

דער בחור'ל איז אריבער לערנען אין א הייליגע ישיבה, ווען ער איז משקיע זיינע כשרונות אין תורה און איז שטארק מצליח, ווען ער שטייגט און וואקסט אויס פון די בעסטע פון זיין חבורה. עטליכע יאר שפעטער האט ער חתונה געהאט מיט א מיידל פון א משפחה מיוחסת און האט אויפגעשטעלט א בית נאמן בישראל.

יעצט איז געווען די רייע פון דער פאטער זאל קומען איינשטיין אין זיין זון'ס הויז, צוזאמען מיט זיין ווייב און די עלטערע טאכטער. אסאך יארן זענען אריבער פון ווען ער האט דאס לעצטע מאל זוכה געווען צו פילן א טעם אין אמת'דיגע שבת, און די געפילן וואס האבן זיך יעצט ערוועקט אין אים האבן אים מעורר געווען ער זאל תשובה טון.

פאר פינחס האט זייער וויי געטון אז זיין אלטע מאמע איז נישט לאנג צוריק נפטר געווארן און האט נישט זוכה געווען צו זען ווי אירע תפילות ווערן פארווירקליכט. ער האט נישט געקענט פארגעסן וויאזוי עס האט אויסגעזען די פטירה פון זיין פאטער, ווען ער האט זיך געוואנדן צו זיין מאמע און איר געזאגט זיינע לעצטע ווערטער: "דער חזון איש האט צוגעזאגט אז תפילות קומען נישט צוריק ליידיג, דאוון ווייטער...".

באלד מוצאי שבת האט ער געבעטן זיין זון זאל אים באגלייטן צו די קבר פון זיינע עלטערן, אין הר המנוחות, דארט, ווען טרערן רינען פון זיינע אויגן האט ער געזאגט מיט א קלארער שטימע: "טייערע טאטע און מאמע, איך בעט ענק איבער אויף די געוואלדיגע צער וואס איך האב ענק צוגעברענגט ביז די סוף פון ענקער לעבן. אבער ענק זאלן וויסן, אז די סאך תפילות וואס ענק האבן פארגאסן אויף מיר, האבן צוגעברענגט אז צום וויניג'סטנס אין די איבערגעבליבענע יארן פון מיין לעבן, האב איך זיך צוריקגעקערט צו די ליכטיגקייט פון די תורה וואס ענק האבן אין מיר אריינגעלייגט אין מיינע קינדערישע יארן, און זיין א טאטע און א זיידע פאר א זון און אייניקלעך וואס גייען אויף די תורה'דיגע וועג".

מוסף שב"ק ויקהל תשע"ט

עיצובים shay